## דניאל טשאַרני

# אַ ליטוואַק אין פּוילן

ביבליאָטעק פון דער משפחה קאַץ
מענקע, רבקה און הירשע־דוד

אַרויסגעגעבן פון

אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס

[פאַראייניקט מיט „ציקאָ“]

ניו־יאָרק, נ. י.

DANIEL CHARNEY

# "A LITVAK IN POYLN"

Memoirs

Copyright 1955, by
CONGRESS FOR JEWISH CULTURE
25 E. 78th St., New York, N. Y.

Printed in U. S. A.
by GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th St., New York, N. Y.

שער־בלאַט געצייכנט: י. שלאָס

---

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן לויטן אַדרעס:
CYCO-BICHER FARLAG
25 E. 78th St., New York 21, N. Y.

166



דניאל טשאַרני (וואַרשע, 1936)

# פון מײַן ווילנער טאָג־בוך

זונטיק, 20סטער יאַנואַר, 1935

ד״ר צמח שאַבאַד איז געשטאָרבן!

גאַנץ ווילנע איז אין טרויער. סע שפּירט זיך אין די גאַסן, אַז ווילנע האָט פאַרלאָרן איינע פון אירע חשובסטע פּערזענלעכקייטן. אונטער די טרויער־פּלאַקאַטן אויף די ווענט זיינען אונטערגעשריבן איבער פערציק פאַרשיידענע מינים קולטור־געזעלשאַפטלעכע און מעדיצינישע אָרגאַניזאַציעס. נישט געקוקט אויפן שטאַרקן פראָסט קלעפּן זיך מענגעס מענטשן צו די טרויער־„קלעפּסידרעס“. אייניקע וויבער וויינען. די טרערן רינען אַרונטער צו די פאַטשיילעס וואו זיי פרירן איין.

בין איך אַוועק צו דעם געסל סטיטשנאָוואַ נומער דריי, וואו ס׳איז געווען די דירה פון ד״ר שאַבאַד. אין די צאַרישע צייטן האָט דאָס געסל געהייסן פאָרטאָוואַ. זי האָט פאַראייניקט זאַוואַלנע גאַס מיט דעם געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט, וועלכן די פּאָליאַקן האָבן משנה שם געווען אויף מיצקעוויטשאַ. דיביידע גאַסן זיינען מיר געווען גוט באַקאַנט פון די יינגלשע יאָרן. אויף געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט האָט געוואוינט מיין פּוילישער דאָקטער סווידערסקי, וואָס האָט מיך געהיילט אָן אַ גראָשן געלט. ער האָט שטאַרק פיינט געהאַט די צאַרישע רעגירונג ווייל אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געהאַט אונטערדריקט מיט פייער און שווערד דעם פּוילישן אויפשטאַנד.

אויף דעם קליינעם פאָרטאָווע געסל האָט געהאַט געלעבט אַמאָל

אויף אַן אומלעגאַלער דירה מיין ברודער ברוך, וואָס אין יענע יאָרן האָט ער נאָך נישט געהייסן וולאַדעק, נאָר „דער יונגער לאַסאַל".

איז דאָס פּאַרטאַווע געסל, וואָס פּאַראייניקט דעם פּריציש־פּוילישן גאַס, געווען פאַר מיר שטענדיק פול מיט אומלעגאַלער ראָמאַנטיק און בונטאַרישקייט פון די יאָרן 1905־1907.

היינט אָבער, דעם 20סטן יאַנואַר 1935, איז דאָס פּאַרטאַווע־סטישע־נאָוואַ געסל פול מיט צער און טרויער. טויזנטער יידישע מענטשן, פון פאַרשיידענע קלאַסן און שיכטן, זיינען געקומען זיך זעגענען מיט זייער באַליבטן פאָלקס־דאָקטער.

אַזאַ מין גראַנדיעזע פאָלקס־לוויה האָט ווילנע נישט געהאַט געזען זינט ס׳איז נפטר געוואָרן דער ווילנער גאון. אַזוי האָט מיר געזאָגט דער ביבליאָטעקאַר פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק, חייקל לונסקי. אַפילו דער אַלטער קראַנקער צדיק ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי איז געקומען צו שאַבאַדס לוויה. עס האָט אָבער פּאַסירט אַ קליינער אינצידענט, וואָס האָט דעם אַלטן צדיק, ר׳ חיים עוזרן, שטאַרק דערשראָקן. ער האָט גענמלעך דערזען, אַז איינער פון די נושאי המיטה, ווירגילי כהן, טראָגט נישט קיין היטל. ס׳איז דאָך אַן אמתער חילול המת — האָט ר׳ חיים עוזר אַ זאָג געטאָן צו זיינע מקורבים און ער האָט זיך אומגעקערט אַ היים.

ווירגילי כהן, אַגב, אַ פלימעניק פון דעם גוט־באַקאַנטן יידיש־העברעאישן שרייבער מרדכי בן הלל הכהן, איז געווען אַ פאַרעקשנטער בונדיסט — יידישיסט. נישט געקוקט אויף זיין רבניש־ברייטער און לאַנגער באָרד פלעגט ווירגילי כהן שטענדיק אַרומגיין אָן אַ היטל. איז ער אויך צו שאַבאַדס לוויה געקומען אָן אַ היטל. דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרדרוס נישט נאָר ביי די רעליגיעזע יידן אַליין.

ווען מתים וואָלטן געקאָנט ריידן — וואָלט אַפילו ד״ר שאַבאַד אַליין אויסגעמוסרט זיין פריינד ווירגילי כהן, פאַרוואָס ער קומט צו אַ לוויה אָן אַ היטל.

אַ לוויה איז דאָך נישט קיין דעמאָנסטראַציע!

<u>2טער פעברואַר, 1935</u>

די געזעלשאַפט „פריינד פון דער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע", אונטערן פאָרזיץ פון דעם פאָלקיסט און ייִוואָ־טוער דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, האָט נעכטן, דעם 1טן פעברואַר, ערשט צען טעג נאָך ד״ר שאַבאַדס לוויה, געמאַכט פאַר מיר אַ קבלת־פּנים, וואָס איז אויך געווען אַ סיום פון מיין ערשטן מעמואַרן־בוך „באַרג־אַרויף", אַרויסגעגעבן פון די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע.

ס'איז געקומען זייער אַ גרויסער עולם, אויך אַ סך יוגנטלעכע. דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, דער איבערגעגעבענער פריינד פון דער ייִדישער קולטור, האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם ווילנער עולם. עס האָבן גערעדט וועגן מיר יוסף טשערניכאָוו (דאַניעלי), זלמן רייזען און משה שאַליט. ס'האָט זיך אויך געריסן צום וואָרט דער דיכטער א. י. גאָלדשמידט, אָבער צוליב מאַנגל אין צייט האָט מען אים דאָס וואָרט נישט געגעבן. ס'האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס גאָלדשמידט איז נישט געקומען צום וואָרט. א. י. גאָלדשמידט איז דאָך דער ערשטער באַזינגער פון ליטע. ער געדענקט אַלע התחלות פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ווילנע ווי אויך אַלע גלגולים אירע. ער פילט זיך אָבער שטענדיק פאַר אַ געקריוודעטן, פאַר אַ באַעוולהטן מצד די „שטאַרקערע", די אָנגעפאָרענע. טאַקע דערפאַר האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן וואָס מען האָט אים געקריוודעט אויך „מיינעם" אָן אָונט. איך וואָלט נישט וועלן, אַז פון מיינעם אָן אָונט זאָל אַ וועלכער נישט איז פריינד און קאָלעגע אַוועקגיין מיט אַ קלעמעניש אין האַרצן.

<u>5טער פעברואַר, 1935</u>

ס'זיינען אויסגעבראָכן שטאַרקע פרעסט, איבער 20 גראַד אונטער נול. אָבער אין ווילנע זיינען אויך די פרעסט וואַרעמע. ס'עטעמט זיך אַזוי לייכט און גוט, ווי אין דער באַרג־לופט פון דער שווייץ. עס זינגט זיך פאַר פרייד:

איך עטעם איין די ווילנער לופט
ווי דופט
פון פרישן היי,
כאָטש ס׳בליצט דער שניי
און ס׳קוועקזילבערט דער פראָסט
אויף מינוס צוואַנציק.
עס ווילט זיך אָבער טאַנצן
און מאַכן מענטשעלעך אין שניי
ווי זומערצייט אין סטאָגעס היי.

6טער פעברואַר, 1935

ביים אַריינגאַנג פון האָטעל „בעלגיע”, וואו כ׳האָב זיך איינגעקוואַרטירט, טשאַטעווען אויף מיר שטענדיק די דריי גאַסן־בעטלערקעס, די אַזוי־גערופענע „ראַספּוטינס ווייבער”. ער אַליין, „ראַספּוטין”, בעטלט אויף דער דייטשער גאַס, אָבער די ווייבער זיינע האָט ער אָוועקגעשטעלט אין דער געגנט פון וואָקזאַל.

ווי נאָר זיי דערזעען מיך, גיבן זיי זיך אַ לאָז צו מיר, ווי הינער צו דער באַלעבאָסטע מיט אַ פולן פאַרטעך גרויפּן. זיי וייסן, די שנאָרערקעס, אַז כ׳וועל זיי שוין מיט ליידיקן נישט אָפּלאָזן.

— הערעלע, טייערער, אַ געזונט צו אייך, גיט אונדז היינט מיט פינף גראָשן מער. ס׳איז דאָך אַזאַ פראָסט. די עופּהלעך אונדזערע פרירן נעבעך אין נישט געהייצטע קעלערס.

— הערעלע טייערער, איר זייט דאָך אַ גוטינקער — כאַפּט אונטער די צווייטע. און די דריטע שלאָגט שוין איבער די ערשטע צוויי:

— לאָזט אים אָפּ, ער האָט נישט ליב אַז מע שטייט צו אים צו. ער וועט שוין אַליין געבן, הערעלע טייערער.

— כ׳האָב נישט מער קיין קליינגעלט ווי 15 גראָשן, — זאָג איך זיי דעם אמת און כ׳גיב זיי די 15 גראָשן אויף צו צעטיילן זיך.

— נישקאָשע, הערעלע, וועט איר אונדז מאָרגן אָפּגעבן די אַנדערע 15. מיר טרויען אייך, מיר באָרגן אייך.

אַט אַזוי האָב איך דעם ערשטן קרעדיט מיינעם באַקומען ביי „ראַספּוטינס ווייבער״. כ׳פּלעג זיי טאַקע אָפּטמאָל מקנא זיין זייער פּליסיקן זאַפטיקן פאָלקס־יידיש, וועלכן כ׳האָב אין פאַרשיידענע פרעמדע לענדער פאַרמיסטיקט מיט פרעמדווערטער.

8טער פעברואַר, 1935

אין איין וואָך האָבן מיר געהאַט אין ווילנע פיר פאַרשיידענע מינים אורחים. פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן איז אַראָפּגעקומען פון וואַרשע מיט אַ פּאָר רעפעראַטן וועגן דער „מאַכט פון דעם שוואַכן״. נישט ער רעדט, נאָר ער „זאָגט״. ער זאָגט תורה מיטן זעלבן נוסח, ווי די רביאישע זיידעס זיינע פלעגן זאָגן אין זייערע „הויפן״. ער נעמט שטאַרק אויס ביי די ווייבער און ביי די „שוואַכע״.

זרובבל איז אַראָפּגעקומען מיט אַ פולער באָרד טענות און פאַקטן וועגן די רדיפות אויף יידיש אין ארץ־ישראל. ער האָט מאָביליזירט אַ פּראָטעסט־אַקציע און אַ געלט־זאַמלונג לטובת אַן אייגענער יידישער דרוקעריי אין ארץ־ישראל. זרובבלס גרויע באָרד זעט אויס צו זיין פיל עלטער פאַר אים אַליין. זי רופט אַרויס, די באָרד, רעספּעקט און צוטרוי צו איר באַלעבאָס.

וו. לאַצקי־בערטאָלדי איז אַראָפּגעקומען קיין ווילנע זאַמלען געלט פאַרן קרן היסוד. ס׳איז קאָמיש צו זען לאַצקין אין אָט דעם נייעם גלגול זיינעם. זלמן רייזין האָט אין „ווילנער טאָג״ פאַרעפנטלעכט קעגן לאַצקין אַ בייזן אַרטיקל. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. כ׳האָב לאַצקין ליב אין אַלע זיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע גלגולים. ער איז אַ שעפערישע פערזענלעכקייט און אַזעלכע פערזענלעכקייטן האַלטן תמיד אין איין ענדערן זיך.

יעקב לעשצינסקי איז געקומען פון וואַרשע קיין ווילנע מיט אַ רעפעראַט וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין פוילן.

אַלע פיר רעפערענטן האָבן אין משך פון איין וואָך געהאַט פולע אוידיטאָריעס.

נישט אומזיסט טאַקע האָט מען די ווילנער יידן באַטיטלט מיט

דער צונעמעניש „ווילנער נאַשערס". זיי האַלטן אין איין נאַשן יידישע קולטור, אָבער מער פון אַלץ האָט ווילנע ליב צו דיסקוטירן. 12־14־יאָריקע שול־יינגלעך זיינען שוין פאַרטיפט אין דיסקוסיעס. די הויפּט־דיסקוסיעס פירן זיך אַרום ארץ־ישראל און בּיראָבּידזשאַן. די ווערטער־שלאַכט, אויף דער יידישער גאַס פון ווילנע, דערמאָנט מיר די דיסקוסיעס פון די יאָרן 1905. דער זעלבער ברען, דער זעלבער ביטול צום קעגנער. אַמאָל האָבן זיך די דיסקוסיעס געדרייט אַרום ציוניזם און בונדיזם, איצטער — פאַלעסטינע און בּיראָבּידזשאַן.

אויך די זעלבע פסוקים און דער זעלבער לשון פון פאַר דרייסיק יאָר. אַפילו מיין האָטעל־צימער איז אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דיסקוסיע־קלוב. עס טרעפן זיך ביי מיר מענטשן פון פאַרשיידענע שיטות און כתות (קיטעס). איך באַטייליק זיך נישט אין אָט די דיסקוסיעס. מיין ביסל ענערגיע, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט קיין ווילנע, וועל איך בעסער פאַרברויכן ביי מיין שרייבטיש.

15טער פעברואַר, 1935

פרוי ד״ר שאַבאַד וויל אונדז פאַרדינגען די צוויי פריי־געוואָרענע צימערן פון ד״ר צמח שאַבאַד. זי איז גרייט אַריינצונעמען אונדז אין איר דירה נאָך פאַר שלשים אַפילו.

ס׳לאָזט מיר אָבער נישט דאָס האַרץ אַריינצוקלייבן זיך אין ד״ר שאַבאַדס חדרים נאָך פאַר די שלשים. דער שרייבטיש זיינער, דוכט זיך מיר, איז נאָך נישט קיין אָפּגעקילטער. גראָד שטייט דער שוואַרצער מאַסיווער שרייבטיש אויפן זעלבן פלאַץ, וואו מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז געשטאַנען די מיטה זיינע.

אָבער שאַבאַדס שרייבטיש געפעלט מיר זייער. ער קען ווערן מיין נייע „טעריטאָריע" אין דער אַלטער היים. איך האָב זיך שוין שטאַרק אויסגעבענקט נאָך אַ שרייבטיש. שוין איבער 15 חדשים ווי מיין בערלינער שרייבטיש וואַלגערט זיך נאָך עד־היום אויפן ריגער צאָלאַמט. אויך מיין בערלינער שרייבטיש איז געווען אַ טרויעריק־

שוואַרצער. כ׳האָב אים געהאַט אָפּגעשירשנט פון מיינעם אַ שוואָגער (מיין פרויס אַ ברודער), וואָס איז אין מאלמע (שוועדן) באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. און איצטער גיי איך איבערנעמען שאַבאַדס שרייבטיש. ס׳גייט מיר אויף שוואַרצע שרייבטישן.

25סטער פעברואַר, 1935

אַט זיץ איך שוין מיט מזל ביים ד״ר שאַבאַדס שרייבטיש. ער איז ברייט און טיף ווי מיין וואונדער־וואַנדער־לעבן. ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז ביי דעם זעלבן שרייבטיש געזעסן ד״ר שאַבאַד און געשריבן רעצעפּטן פאַר זיינע חולאים, געשריבן מעדיצינישע אַרטיק־לען פאַר זיין זשורנאַל „פאָלקסגעזונט״ און פאָר דער ערשטער ענצי־קלאָפּעדיע אויף יידיש. איצט האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם זעלבן שרייבטיש ד״ר שאַבאַדס אַ פּאַציענט, וועלכער האָט שוין איבערגע־לעבט אַזויפיל דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן.

איז מיר קאָמיש צו קוקן אויף די רוקנס פון די מעדיצינישע ביכער וואָס שטייען איצט פאַריתומט אין די רעגאַלן פון ד״ר שאַבאַדס ביבליאָטעק. יעדער מעדיצינער־בוך איז אַ דראָונג פאַר מיר. אין יעדן מעדיצינישן בוך ווערט דערציילט, ווי אַזוי אַזאַ „פּליאַגע״ ווי איך דאַרף זיך נוהג זיין.

איך טאָר נישט רויכערן, איך טאָר קיין קאַווע נישט טרינקען, איך טאָר נישט גיין שפּעט שלאָפן, איך טאָר קיין געזאַלצנס נישט עסן — טו איך אָבער פּונקט דעם היפּוך: איך רויכער 30 ציגאַרעטלעך אַ טאָג, איך טרינק אויס ביי 15 טעפּעלעך קאַווע אַ טאָג, איך גיי שלאָפן שפּעט נאָך חצות און שטיי אויף אַ האַלבע שעה פאַרטאָג, געזאַלצנס איז פאַר מיר דער בעסטער מאכל און דאָך.. און דאָך וועל איך נאָך מסתמא איבערלעבן די אַלע מעדיצינישע ביכער וואָס דראָען מיך מיט זייערע לעדערנע רוקנס פון ד״ר שאַבאַדס ביכער־רעגאַלן.

28סטער פעברואַר, 1935

כ׳האָב איינגעפּירט אין ווילנע אַן אייגענעם „ראָמאַנישן קאַפע״ אָדער „קופאל״, על פּי נוסח בערלין־פּאַריז. כ׳בין געווען געצוואונגען דאָס צו טאָן, כדי אָפּצוציען דעם שטראָם פון באַזוכער ביי מיר אין דער היים. פאַר די לעצטע וואָכן בין איך שוין פּשוט געפאַלן אין שפּאָן פון דעם צו גרויסן באַזוך. מיין ספּירט־מאַשינקע פלעגט, ווי אַ נר־תמיד, ברענען פון 7 פרי ביז 12 ביינאַכט. כ׳פלעג אין משך פון טאָג אָפּלאָזן, ווי אַ טראַקטירשטשיק, ביי 30־40 גלאָז טיי און קאַווע צו די פאַרשיידענע מינים באַזוכער און באַזוכערינס. מע קומט צו מיר כלומרשט „אויף אַ מינוט״, אָבער מע פאַרבלייבט שוין אויף שעהן לאַנג. די ווילנער האָבן שטענדיק גענוג צייט. פלעג איך קיינמאָל נישט האָבן קיין מנוחה. כ׳בין דאָך געקומען קיין ווילנע נישט בטלנען, נאָר עפּעס־וואָס טאָן און אויפטאָן.

האָב איך אויסגעזוכט אויף דער ברייטער גאַס אַ יידיש קאַפע־הויז „דאָרמאַן״ און געמאָלדן אַז יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק קאָן מען מיך דאָרטן זען צווישן 9 און 12 אָוונט. ס׳האָבן זיך תיכף גע־מאָלדן שטאָט־געסט.

קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, דער פאַנאַטישער ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור און ליטעראַטן, דער אָרגאַניזירער פון די „שוואַרצע קאַ־ווען״ אין דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן מיין „באָהעמע״־טישל.

משה שאַליט און י. י. גראָדזענסקי האָבן זיך אויך תיכף אָנגע־שלאָסן. באַלד זיינען צוגעקומען אַלס שטאַמגעסט דער לערער און טעאַטער־קריטיקער יוסף טעפּער, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל אויך געווען אַן אייראָפּעער (שטודירט אין דייטשלאַנד, געבוירן אין „עסטרייך״, ד״ה אין קאָלאָמיי), אַ באמת אָנגענעמער און ליבער מענטש, כאָטש אַ „גאַליציאַנער״.

אויך די אַזוי גערופענע „שטים פון אַ לעזער״ — דער 60־יאָריקער ירמיהו שאַפּיראָ, וואָס שרייבט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אין „ווילנער טאָג״ בריוו אין רעדאַקציע אונטערן פּסעוודאָנים „אַ שטים פון אַ לעזער״, האָט זיך מחיה געווען מיט די מאָנטיקס און דאָנערשטיקס אין קאַפע דאָרמאַן.

חוץ די אויבן אויסגערעכנטע שטאַמגעסט ווערן די קאַפֿע־טישלעך שטאַרק באַזעצט אויך דורך סתם־געסט. מערערע דאַמען פֿון דער „פֿיינערער געזעלשאַפֿט" כאַפּן זיך אַריין אַ קוק טאָן ווי אַזוי די ליטעראַטן און כלל־טוער קיבעצן על־פּי נוסח בערלינער „ראָמאַנישן" אָדער פּאַריזער „קופּאָל".

אויך די ווילנער געהיים־פּאָליציסטן האָבן זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דעם אָנגעלאָף אין דעם אַזוי גערופֿענעם „דאָרמאַנישן קאַפֿע", וואָס דער סאָוועטישער בירגער דניאל טשאַרני האָט איינגעפֿירט אין סאַמע צענטער פֿון ווילנע.

די צאָל באַזוכער וואָלט געווען באַדייטנד גרעסער, ווען אַלע ווילנער פֿען־קלוביסטן, זשורנאַליסטן, כלל־טוער און „יונג ווילנע־נער" וואָלטן זיך געקענט דערלויבן אויסצוגעבן צוויי מאָל אין דער וואָך צו צוואַנציק גראָשן פֿאַר אַ גלעזל טיי.

די געשעעניש וועגן דער דאָזיקער טשאַרני־קיבעצאַרניע איז שוין אַריין אין דער ווילנער פּרעסע. אויך די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע האָבן שוין געמאַכט דערפֿון אַ נאָטיץ. אַזוי אַרום ווערט שוין אונדזער ייִדישלאַנד דערוויסן זיך, אַז טשאַרני האָט עפּעס־וואָס אויפֿגעטאָן אין ווילנע. ס׳וועט שוין אַריין אין די ווילנער פּנקסים אויך... (ס׳איז, אַגב, כדאי צו באַמערקן אַז אין דעם זאַמלבוך „1000 יאָר ווילנע" פֿון זלמן שיק, אַרויסגעגעבן דורך דער טוריסטן־געזעלשאַפֿט אין ווילנע, אין 1939, איז צווישן אַלע אַנדערע „זעענסווירדי־קייטן" פֿון ווילנע אויך אָנגעגעבן „דאָרמאַנישעס קאַפֿע", איינגעפֿירט פֿון דניאל טשאַרני, אין 1935.

**18טער מערץ, 1935**

ס׳איז היינט געקומען קיין ווילנע אויף איין־איינציקן טאָג דער אייראָפּעאישער דירעקטאָר פֿון „דזשאָינט", ד״ר בערנאַרד קאָהן. ער האָט אין משך פֿון איין טאָג אויפֿגענומען אין „יעקאָפּאָ" 33 (דריי און דרייסיק) דעלעגאַציעס פֿון פֿאַרשיידענע ייִדישע געזעלשאַפֿטן און אינסטיטוציעס. זיינע אַסיסטענטן זיינען געווען יצחק גיטערמאַן, די־